רעדע געהאַלטן דעם 7טן מײַ 1966

איך וויל אײַך אַלעמען האַרציק באַגריסן צום יוגנטרוף פֿרילינג-קאָנצערט. דאָס איז דער ערשטער אין אַ סעריע קאָנצערטן וואָס מיר מאַכן במשך פֿונעם יאָר. די איניציאַטיוו פֿאַר דעם איז געקומען נישט פֿון אונדז נאָר פֿון חבֿר מאַקסים בראָדין אַליין. וויל איך קודם כל אים באַדאַנקען אין נאָמען פֿונעם יוגנטרוף, אים און חבֿרטע זעלדע זלאַטין וועלכע האָבן צוגעגרייט ~~דעם~~ די הײַנטיקע פּראָגראַם.

איך האַלט אַז אַזעלכע אָוונטן פֿון קלײנקונסט און בכלל ייִדישע טעאַטער-פֿאָרשטעלונגען זײַנען זייער נייטיק אין דער הײַנטיקער אַמעריקע. דער טעאַטער-זאַל ווערט כמעט דאָס איינציקע אָרט וווּ ייִדן קענען זיך אויסלעבן אויף ייִדיש. און אַז קיין פּראָפֿעסיאָנעלער ייִדישער טעאַטער איז ניטאָ, זוכט דער עולם אַ פֿאַרבײַט. דערפֿאַר לויפֿט מען אין די טויזנטער צו זען די פֿיסער "דער פֿידלער אויפֿן דאַך" און אין די הונדערטער טויזנטער צו זען דעם ישׂראלדיקן פֿילם "סאַלאַ" און דעם טשעכישן פֿילם מיט אידאַ קאַמינסקאַ "דאָס געוועלבל אויף דער הויפּטגאַס". פֿילמען מיט ייִדישע טעמעס זײַנען געוואָרן די נײַע מאָדע. דער באַקאַנטער פֿראַנצײזישער פֿילם-רעזשיסאָר זשול דאַסאַן פֿילמירט איצטער אַנדריי שוואַרץ-באַרדס ראָמאַן "דער לעצטער פֿון די צדיקים". אַגבֿ דער דאַסאַן האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין ייִדישן טעאַטער דאָ אין ניו-יאָרק איז אפֿשר נישט קיין איבעררעשונג וואָס ער דרייט דעם פֿילם אין גאַנצן אויף ייִדיש. ~~אוי~~, ווערט דאָס זײַן אַ באָמבע. מענטשן זײַנען אויסגעהונגערט נאָך אַ ייִדיש וואָרט, און מען לויפֿט אין ווילעדזש טעאַטער, כאָטש זײַן רעפּערטואַר איז נישט אויפֿן העכסטן ניוואָ. פֿונדעסטוועגן געלינגט נישט אויפֿצובויען אַן אמתן פּראָפֿעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער און אַפֿילו די פֿאָלקסבינע, וווּ מיר זיצן איצטער, ראַנגלט זיך פֿינאַנציעל. דעריבער האָפֿן מיר, אַז אַזעלכע פּראָגראַמען ווי ~~דער~~ די הײַנטיקע, פֿון אַ העכערן ליטעראַרישן כאַראַקטער וועלן פֿירן דערצו אַז דער ייִדישער עולם זאָל אָנהייבן פֿאָדערן ערנסטע טעאַטער-פּרוּוון און נישט ~~די~~ בלויז מוזיקאַלישע שטיק ~~וואָס זײַנען אונדז אַלעמען נימאס.~~

דער ניו-יאָרקער יוגנטרוף האָט דערווייל קיין סך נישט באַוויזן אין דער וועלט פֿון טעאַטער. דער אמת איז אַז מע קען נישט קעמפֿן אויף אַלע פֿראָנטן. מיר גיבן אַרויס אַ זשורנאַל – דער 5טער נומער ~~איז די וואָך~~ אַרויסגעשיקט ~~געוואָרן~~ און דער 6טער איז טיילווײַז

אויסגעזעצט. דעם 8טן אַפּריל, ווען עס איז פֿאָרגעקומען די גרויסע
דעמאָנסטראַציע פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן, האָבן איבער 50 יוגנטרוף־
מיטגלידער אָנטיילגענומען אינעם מאַרש. און אַזוי ווי
איך רעד שוין וועגן אונדזערע טעטיקייטן, וויל איך באַדאַנקען די
יוגנטרופֿניקעס וואָס האָבן געהאָלפֿן אָרגאַניזירן דעם הײַנטיקן
קאָנצערט. איך וויל באַדאַנקען אַבֿרהם גאָלדוואַסער אונדזער
קולטור־סעקרעטאַר וואָס האָט אָנגעפֿירט די צוזאַמען־אַרבעט און שרה האָכהאַוזן פֿאַר פֿאַרקויפֿן
[illegible] בילעטן. און נאָך אַ מאָל וויל איך באַדאַנקען די אַרטיסטן מאַקסים
בראָדין און זעלדע זלאַטין.